אַרבייטער איהר האָט איין שונא, ווארום ניט איין יוניאָן?

| | |
|---|---|
| דער אַרבייטער איז בערעכטיגט צו אַלעס, וואָס ער שאַפט. | איין גרויסע יוניאָן פאַר אַלע אַרבייטער |


# דער קלאַסען קאַמפף

אָרגאַן פאַר'ן רעוואָלוציאָנערען אינדוסטריעלען יוניאָניזם

ערשטער יאָהרגאַנג. נומ. 2. פרייז 5 סענט. | ניו יאָרק, אַפּריל 1919. | VOL. I. No. 2


## דער באַשיצער פון קאַפּיטאַליזם




## די דעפּאָרטאַציאָן

עלים איילאַנד —
אונטער דעם שאָטען פון סטאַטוע פון „פרייהייט"

איינע פון די זיעגע אין דעם קאמף צו מאכען אונזער זאָגענאנטע „פרייע רעפּובליק" פאַר אַן אמת'ע סאָוועטען רעפּובליק, איז געווען די בעפרייאונג פון די 12 חברים וועלכע זיינען געווען פערהאַלטען אין עלים איילאַנד, דעפּאַרטירט צו ווערען מיט די אנדערע. עס איז אמת אז די אנדערע קרבנות פון די וואַשינגטאָנער לאַקייען פון קאַפּיטאַל ערוואַרטען זייער שיקזאַל. עס איז אָבער זיכער דאָס די בעפרייטע 12 חברים זיינען ניט בעפרייט געוואָרען דורך די גערעכטיגקייט פון וואַשינגטאָן— זיי האָבען עס צו פערדאַנקען דעם אַלגעמיינעם פּראָטעסט פון די ארבייטער און זייער פרעסע. דער אמעריקאַנישער געזעץ האָט ניט אָנגעבאָטען אירגענד וועלכע פארטהיידיגונג, די צו דעפּארטאַציאָן בעשטימטע חברים זיינען געקידנעפּט געוואָרען אויף דעם אָרדער פון א אָפיציעלען בעאַמטען און דער אורטהייל אויף זיי איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון הינטער די שמוציגע קוליסען פון שטאַאט און קאַפּיטאַל. זיי זיינען פאראורטהיילט געוואָרען ארויסגעשיקט צו ווערען פון לאַנד אָהן א גערעכטיגקייט און אָהן א ריכטער, אָהן זיי צו געבען די געלעגענהייט זיך צו פארטהיידיגען. דיזע געוואַלדטהאַטען זיינען כאַראַקטעריסטיש זעהר עהנליך צו די פּאָליציי־גרוזאַמקייטען און די פארפאָלגונגען אין אַלטען צאַרישען רוסלאַנד.

די 12 מיטגלידער פון די א. וו. וו. וועלכע זיינען צוזאַמען מיט נאָך 21 אַנדערע „וואבלים" 16 מאָנאַטען ארומגעשלעפּט געוואָרען פון איין טורמע אין די אַנדערע פון איין דעטענשאָן סטאַנציע צו דער אַנדערער, אָנפאַנגענדיג פון פּאַסיפיק ענדענדיג ביים אַטלאַנטיק. באַדענקט זיך וואָס זיי האָבען געליטען און וואָס די אַנדערע וועלכע זיינען נאָך געפאַנגען אויף עלים איילאַנד מוזען נאָך דורכמאַכען ביז זיי וועלען ווערען דעפּאַרטירט, און דאַן?

די חברים וועלכע זיינען בעפרייט זיינען דזשאָהן בערג, אוגוסט באַסטראַם, דזשאָהן לייווע, עדווין פלענוס, אקסעל, א. הענדריקסאָן, [illegible] סלוצקער דזשאָו מאַרטין, מאַנגרענאַר ראָסס, קריסט יאָהנסאָן, אַרטהור סמיטה און דזשאָהן האָלם.

זיי האָבען גענומען אָבשייד פון זייערע חברים, וואָס זיינען נאָך געבליבען אין עלים איילאַנד, ווען די 12 „וואבלים" זיינען ארונטערגעגאַנגען צו דער עמיגריישאָן באַרקע וואָס האָט זיי בעדאַרפט ברייגנען נאָך ניו יאָרק סיטי, האָבען די איבעריגע „וואבלים," וועלכע זיינען געבליבען, אויסגערופען דריי „טשירס" פאַר די א. וו. וו. און אויסערדעם האָבען זייערע שטימען געמיינשאַפטליך זיך פעראייניגט צו אַן א. וו. וו. געזאַנג, וואָהרשיינליך פערפאַסט פון דזשאָו היל, דער געזאַנג האָט געקלונגען אַלץ העכער און העכער און מאַנכבער פון

די „וואבלים" האָט זיך אָבגעווישט אַ טרעהר — נאָכדעם האָבען זיי נאָכאַמאָל אויסגערופען „לאָנג ליוו דהי וואָבלים!" די בעאַמטע פון עלים איילאַנד זיינען געווען פערוואונדערט איבער די קאַמעראַדשאַפט און פריינדשאַפט וואָס עקזיסטירט צווישען די א. וו. וו. מיטגלידער. זייער שיפעל האָט געשוואומען נאָך ניו יאָרק [illegible] וואָס האָבען זיי געטראַכט ביי זיך ווען זיי זיינען פאַרביינעפאָהרען די סטאַטוע אָף ליבערטי? — זיי זיינען זאָפאָרט געקומען צו די א. וו. וו. העדקוואָרטערס, 27 איסט 4טע סטריט ניו יאָרק, וואו זיי האָבען געפּאָוזט פאַר פאָטאָגראַפערס. זיי וועלען בלייבען אין ניו יאָרק פאַר עטליכע טעג אייידער זיי וועלען זיך אומקעהרען צוריק אין זייערע היימען. אַראָן סלוצקי איינער פון די 12 וועלכער איז געווען פריהער אַ קאָך אין דער קאַנאַדער ארמעע, האָט קרובים אין די בראָנקס וואו ער רעכנט צו פארבלייבען.

די חברים וואָס זיינען אויפ'ן ליסט דעפּאָרטירט צו ווערען זיינען: קאַיעם מאַסקילינאַס, ע. ע. מיק'דאָנאַלד, פעטער כ. נערטא, מרס. פעטער וו. מערטא,

